משה קולבאַק:

# ז ע ל מ ע נ י אַ נ ע ר

אינסצעניזירט ראַליי

1 בילד: **זעלמעניאַנער ליבע**

פערזאָנען:

צאַלעל דעם פעטער יודלס, א געבילדעטער, פאַרקוקט אין די ביכלעך טראָגט א טשופּרינע
טאָנקע דעם פעטער זישעס, א געזונט מיידל, פאַרקאָטשעט אויף א זייט ווי א גראָבע
דער פעטער זישע - א ייד א חלוש, א בעל גאווה פּאַה, מיט ברילן אויפן נאָז.
די מומע גיטל - שטענדיק ביי זיין אָרבל,
עס שמינקלט א קורניקל

/בעם פעטער זישע אין שטוב. טאָנקע שלאָפט זיך אויפן טאַפּטשאַן, קוקט אריין אין
א ביכל און קיט בשעת מעשה א שטיק טרוקן ברויט)

זישע: /דרייט זיך ארום איבערן צימער און לאָזט אויס זיין פאַרדרוס צו זיין באָרד/:
אין וואָס זאָגסטו גיטע, אויף די שיינע בענגעלעך, האָ?

גיטע: אוודאי איז עס נישט מעה־מענטש, נאָך וואָס קייען טרוקן ברויט, אז עס שטייט א
א הייסער ליאָק אין אויוון!

זישע: /שפּאַנט ארום/ און ווי לאַנג איז דער שיר צו קאָמסאָמאָלעווען ?
איך פרעג דאָך עפּעס, אייאָ צי ניין!

טאָנקע: /הויבט אויף די קאָפּ פון בוך/ דו מיינסט עס מסתמא מיך, טאַטע?

זישע: און אז דיך איז וואָס?

טאָנקע:/אָנגעשפּאַרט סוזף אן עלנבויגן/: איז דיר אפשר באַקאַנט טאַטע, אז דעם 25־טן
אָקטיאָבער פון זיבעצעטן יאָר איז אויף א זעקסטל וועלט פאָרגעקומען די ערשטע
גרויסע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע?

זישע: נו ?

טאָנקע: נו, איז דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן /נעמט זיך צוריק צום בוך/

זישע: גיטע, דו הערסט א לשון? און פערלע אונדזער איטשעס בענאָק, איז דאָס געוואָרן
דער מאַכער פון דער גרויסער רעוואָלוציע..

טאָנקע: און דו וואָלסט בעסער געוואָלט, אז ניקאָלייקע זאָל זיין דער מאַכער?

זישע: שאַ ... גענדז, פאַר ניקאָלייקען מיינסטו האָט זיך יידן געלעבט ערגער?

טאָנקע: /גיט א וואָרף די ברויט אן דרערד און א שפּיי, אז דער קורניקל פאַרלעשט זיך/
און דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צו טאַטע־מאַמע/

זישע:
כבוד אָב, האָ?... נו און ווו איז דאָס טאָניע, שוין געקומען פון פאָלקאָמפּין, אָדער
זי טליעט זיך אויך ערגעץ מיט דער רעוואָלוציע, הא גיטע? גיטע! /קוקט זיך ארום
אז גיטע איז נישטאָ,/וואָס שווייגסטו גיטע? /גייט ארויס/

״ צוויטמעזים ״

טאנקע: פארציט א לידל:

עך מש״ פילא,
סאמאוואר ניע משאלא,
וסיע פאסודי פערעבילא,
נא קוכאר ניע משאלא.

צאלקע /עפנט שטיל די טיר און בלייבט שטיין אויפן שוועל, קווײנקלענדיק זיך, אריינגיין אדער ניט/ גיט א הוסטל/: מען קען ארײן?

טאנקע: /ניט אומקוקנדיק זיך/ אוודאי קען מען, פארוואס גישטײאן אז דו ביסט שוין סיי ווי ארײן, מאך שנעלער צו די טיר, ס׳ציט א צוגווינט... /קוקט אין בוך/

צאלקע: /אומבאהאלפן/ געענדיקט הײסט דאס מיט מזל דעם ווז, הא טאנקע?

טאנקע: /ניט אומקוקנדיק זיך/ געענדיקט...

צאלקע: קומט דאך דיר צו באגריסן

טאנקע: באגריס...

צאלקע: /גיט מיט אומזיכערע טריט צו, צו טאנקען און בלייבט שטיין איר צוקאפנס פויזע הערסט טאנקע, היינט ביינאכט האב איך אויך עפעס אויסגעטאן. באקומען אן אלטע "צאינה־וראינה" פון א שער־בלאט, האב איך אויסגעפונען, אז זי שטאמט פון 17 טן יארהונדערט, געדרוקט ביי שימשון זימלע אין מעץ, דו הערסט טאנקע?

טאנקע: איך הער, איך הער... און וואספארא ווערט האט דיין גרויסע אנדעקונג פאר דער סאצבויונג, אנדעקער מיינער?

צאלקע: הם.. אבער, אבער...

טאנקע: האבער עסט א פערד, און דו... עך /גיט א מאך מיטן האנט/ גיי שלאפן /פ ו י ז ע/

צאלקע: אין וואס בינסטו דאס אזוי פארלייענט?

טאנקע: איך פארלייענט? חלילה! איך בלעטער אזוי זיך א ~~קונסט אלבאם~~ קלודזש, קונסט־בילדער... נא, גיב א קוק אויף טשייקאווס קארטשענער הערינג, א שיינער קערפער, צי ניט? /שטופט אים דעם אלבאם אין פנים/ זע א מיידל, בלוט און מילך...

צאלקע: /פארשעמט/ א שיינער, א שמיינער, מעט שוין געזען שענערע...

טאנקע: /כאכאטשעט/ ווערט געזען, דו ?! און וואסטע דאס געזען שלימאזל אין דיינע אלטע צענעווערענעס פון די שערבלעטער, מיט וועמען דו פארברענגסט די נעכט? /פויזע, מיט מיט דעם אלבאם/ נא, קוק, פון דאס בילד קוק פון די האלב־נאקעטע ברוינע קערפערס מיט די ~~[illegible]~~ אנגעשטרענגטע מוסקולן אויף די צוויי רייען שווארצע רעלסן געבויגן. זע ווי שיין דער בלויער פייערל פון עלעקטרישן שווייסער צעשיט די פאספאר שטערנדלעך און דער דינער רויך, וואס שלאגט אפ פון די פארשוויצטע, נאסע קערפער וואס שווייסן און שמעלצן צוזאמען די שמאלענע רעלסן ... שיין, הא?

צאלקע: יא, אוודאי, ~~...~~ די שיינקייט פון מענטשלעכער ארבעט...

טאנקע: /פארטראכט/: ווייסט, פאראן א ליד פון א זעלמעניאנישן פאעט קולבאק, וואס פלאנטערט זיך מיר שטענדיק אין קאפ:

– דריטע זײט –

און בראָנזענע יונגען
באַפאַלן
איז דעמאָלט
א װילן
צו שטילן
דעם צאָרן
פון יאָרן
װאָס זײנען פארלאָרן.

צאַלקע: יאָ, א שײן לידל,

טאָנקע: /שטיפעריש/ נו און דו צאַלקע, געהערסט אויך צו די מאַנסביל מיט די שײנע קערפּערס?

צאַלקע: איך האַלט זיך נאָך בײ דעם געדאַנק, אז דער גײסט בױט דעם קערפּער,

טאָנקע: /לאַכט/ : א דירה האָסטו צאַלקע, א דירה האָסטו?

צאַלקע/ גיט א זיפץ און לאָזט זיך אראָפּ אויפן בענקל לעבן טאַפּטשאַן /

טאָנקע: /גיט זיך א הויב פון טאַפּטשאַן װו דער אַלבאָם בלײבט ליגן גיט א שפּאַציר דורך איבערן צימער און נעמט צאַלקען פארן קין פון אראָפּגעלאָזטן קאָפּ/ :
און דו ביסט נאָך אַלץ אין מיר פארליבט, קעצעלע?
/נעמט אראָפּ א לעדערנע קורטקע פון הײנגער, מיט א פארהאַנג פארהאַנגען/

צאַלקע: /דערשראָקן/ דו ביסט פארנומען, טאָנקע?
שטעלט זיך

טאָנקע: /נו, װאָס,

צאַלקע: דו אײלסט זיך.?

טאָנקע: נו, װאָס...

צאַלקע: פארשטײסט, איך האָב א פּלאַן אזא ,

טאָנקע: /טוט זיך אָן דעם מאַנטל/ נו –

צאַלקע: פארשטײסט, די זאַך באַשטײט אין דעם, װאָס איצט נאָכדעם װי דו האָסט געענדיקט דעם װוז, קאָנען מיר בײדע פאָרן קײן אָדעס. איך װעל דאָרט דינגען א דירה לעבן ים, א װיליע, אַלע טוען אזוי... מיר װעלן זיצן אויפן באַלקאָן און איבלעכער פון אונדז װעט טאָן זײן אַרבעט.

טאָנקע: דאָס אַלץ?

צאַלקע: מירן קויפן א טײניק און בײנאַכט קאָכן שװאַרצע קאַװע, לײענען די יונגע פּאָעזיע און – פארברײנגען...

טאָנקע: א פּאַפּיראָס האָסטו?

צאַלקע: נײן, אָבער איך האָב טאַבאַק אויף א באַנקרוטקע /שלעפּט ארויס א צײטונג און שיט שנעל אהין טאַבאַק אויף א סיגאַרל/

טאָנקע: /פארשפּילט די קנעפּ/ די זאַך באַשטײט אין דעם, װאָס קודם כל רײכער איך ניט קײן טאַבאַק פון א באַנקרוטקע. און װאָס שײך דער אַדעסער װילע, רעדט עס צו מיר ניט,

- פערטע זייט -

צאלקע: /וויל עפעס זאגן/ אבער -

טאנקע: אבער, אבסאָלוט נישט. איך בין ניט געוווינט צו לעבן אין ווילעס. און דער אידשעל
פון בריגקען קאמע און לייענען די יונגע פאעזיע, איז מיר אויך עפעס ניט צום
הארצן. ווארום דעם אמת זאגנדיק, קאן איך זיך באגיין אן פאעזיע אויך.

צאלקע: /טרעט איבער פון א פוס אויף א פוס/ נו איז אדרבא, וואס רעכנסטו, לאמיר הערן:

טאנקע: פארוואס מיינסטו, אז איך בין מחויב „עפעס צו רעכענען"? /קוקט אין שפיגל/
דער ווז שיקט מיר אין וולאדיוואסטאק אויף ארבעט, פאר איך און רעכענען,
רעכן איך דערביי גארנישט...

צאלקע/ מיט כעס/ און וואס רעכנט דיין יאשקע דער געלער, אויך ג א ר נ י ש ט?
נעמט ארויס די באנקרוטקע פון מויל/

טאנקע/קוקט אים אן, און לאזט זיך צום ארויסגאנג, פון צווייטן אלקער גייט אריין די
מומע גיטע/

גיטע: א גאנץ, צאלקען וואס מאכסטו עפעס צאלינקע?

צאלקע: א דאנק מומע, נישקשה... איר ווייסט מומע, אייער טאנקע הויבט מיר שוין ניט אן
צו געפעלן...

גיטע: וואסי די מעשה, פון עלערהויט ווארפט מען דאך נישט קיין אומחן?... פאריכט
צאלינקע דעם אויסבינדער, אט אזוי, /פאריכט אים דעם שניפס/

צאלקע: בכלל, איר גאנצער פיר, איר פארשטייט, די חברים אירע,

גיטע: ניט קיין לייטישע חברים זאגסטו צאלינקע? א ווייטאג איז מיר...

צאלקע: וואס דא צו רעדן מומע, אירט זען, קיין נחת וועט מען שוין פון איר נישט האבן
אז, אז זי איז שוין היינט אזא, שמעלט זיך פאר די אויסגעלאסן זי וועט ווערן
דארטן, אין וולאדיוואסטאק, צווישן דער חבריא... עס וועט פראסט א שאנדע צו האבן
אזא אין דער משפחה...

גיטע: וואס רעדסטו צאלינקע...

צאלקע: איר ווייסט מומע, איך בין פראסט צעבראכן פון דער זאך און איך ווייס ניט וואס
אנצוהויבן צו טאן...

גיטע: און וואס זאל איך טאן, איך קען דען עפעס העלפן? ווען זי פרעגט מ י ר, ווען זי
איז זיך באטש מישב מיט א מאמען, וואלט איך איר אמדאי געזאגט, אז קיין בעסערן
בחור פון דיר, צאלינקע, דארף זי גאר ניט זוכן, אזא אידעלער
יונגערמאן, נישט פון די היינטיקע שלוימעס... אבער, אז מען פרעגט מיך ניט, וואס
זאל איך טאן, שרייב איך, נישט אזוי? /צאלעל גיט א וועק/
הא, צאלעל, דו גיסט א וועק,, אוי צרות, צרות היינטיקע צייטן...

פארהאנג

צווייטער בילד: **צאַלקע הענגט זיך אין אַ נאָווינע**

פּערזאָנען:
ליפּע – 5 יאָר אַלט } צוויי שטשופּלע זעלמעניאַנערלעך
מאָטעלע – 8 יאָר אַלט }
דער פעטער יודע
דער פעטער איטשע
דער פעטער פאַליע
די מומע מלכה
די מומע גיטע
צאַלקע

/איידער דער פאָרהאַנג עפנט זיך הערט זיך אַ געזאַנג:

אויסגעלאַטעטע אין דאָרף קומט ער אין אַ דאָרף אַריין האָט זיך פעטער איטשע
גייט ער אין אַ צווייטן, מיט זיין נאָדל-פאָדים, אויסגעלערנט שניידעריי,
ביז ער לאָזט אַרויס דעם געטאַט מאַכט ער אַלטע סערמיענגעס הענגט אַרויס אַ ווייטעסקע:
פונקט ווי שפּאָגל-ניי/ביס/. דאָ פאַריכט מען בגדים/ביס/. איינגאַנצן אַ באַניי ן./ביס/.

זיצט דער פעטער אויפן טיש,
טעקיש טאַכטאַטע,
טרענט און ניצעוועט און לייגט,
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע/ביס/

/ביים סערבן פאַרזעענט [illegible] זיך לאַנגזאַם
דער פאָרהאַנג.דאָס געזאַנג קומט פון
אַ פענצטער רעכטס אין אַ ווינקל זיצן
[illegible] שפּיען ליפּע און מאָטעלע
און פאַרשפּילן זיך די הייזעלעך/:

ליפּע: דער פעטער זישע איז טאַקע געשטאָרבן, סאיז אמת?

מאָטעלע: סאיז אמת, געשטאָרבן.

ליפּע: און ווען וועלן מיר שטאַרבן, מאָטעלע?

מאָטעלע: סי נאָך אַ ביס. מיר דאַרפן זיך נאָך פריער פאַרשרייבן אין זאַגס, נאָכדעם גיין
אויף מלחמה און נאָכדעם דאַרפן מיר האָבן די גערעטעניש,

ליפּע: וואָס זאָגסטו דאַרפן מיר האָבן?

מאָטעלע: מיר דאַרפן האָבן די גערעטעניש, דאַרף מען, פאַרשטאַנען?

ליפּע: ווודאי, מאָטעלע איך בין שוין אַ גרויסער און אַז מען דאַרף האָבן וועט מען האָבן
איך האָב שוין אַ מאָזל אויפן פּוס, ווייסט וואָס טאַקע זאָגט?

מאָטעלע: וואָס?

ליפּע: זי זאָגט אַז פאַר אַ פּיאָנער איז גענוג ער זאָל האָבן אַ מאָזל אויפן פּוס, נאָר אַ
אַ קאָמסאָמאָלעץ דאַרף האָבן אַ מאָזל אויפן האַנט אויך, דאָס איז זייער שווער צו קריגן?

מאָטעלע: פאַר אַ קאָמסאָמאָלעץ – ניין!

ליפּע: און אַז דו טסט הערן אַ גרויסער, וואָסטע בעסער זיין אַ באָלשעוויק צי אַ קאָמוניסט?

מאָטעלע: איכל זיין אַ באָלשעוויק פון פינפטן יאָר

מאָטעלע: [illegible]

ליפּע: און אַפילו העכער זיין אַ זאַך.

- זעקסטע זײַט -

פון אויבן, פון דערהערן זיך געשרייען פון שטאַלן, די טומעס פון אויבן בײַ די קינדער/ סלוזיען און די טומעס פון פעסטער יונגע
געע - װאַלדן געװאַלדן!!!
קולות: װאָסי געשען?

זעלדע: אַ שׂרפה!

מלכה: מיטאַ גנבה!

פון פענצטער לינקס: פעליע, האָב רחמנות שטײַ אופען שטײ אוף, מע קוילעט מענטשן אין הױ
שיכנער
ערבער: געװאַלד!

פעליע: ברעכן זײ אלע דעם קאָפּ, כדאַרף ראַניצע אויפשטײן צו דער ארבעט!

זעלדע: - אױפן בוידעם טוט זיך מעשים, ידן װאָס שטײט אירן?

מלכה: - שטײט ניט, לויפט נאָך בערען, אַז אים װעט מען דאָ גאַרנישט מאַכן ...
מאָטל און ליפע: די מינוט מוזט מיר לויפן צו בערען אין מיליצע/
פעליע/ מיט אַ רעװאָלװער אין האַנט און אַן עלעקטרישן לעמפל אויפן/לויפט אַנגעהאַנגען
לויכט דורך, דורך דער אַװאַנסצענע/: ענטפערט, װאָסי דאָרטן, גזלנים ז/קריכט אַ
אַרויף אויפן בוידעם/
בוזע - דער טומל װערט ניט קלענער -
פעליע / שרײט פון אויבן/ שאַ, שטילער, סיגאַרנישט, סי גאַרנישט, צאַלקע האָט זיך אין
אַ גאַנצע אויפגעהאַנגען!

זעלדע: װײ איז מיר, אויף טויט?

פעלע: /פון אויבן/ נײן, װי אלעמאָל, פונקט װי אלעמאָל /דער עולם שטאַרט אין שטוב אַרײַן
די הויף-דעקאָראַציע ראָלט אַרויף, מיט פעדער יודע אין שטוב/
מלכה: שלימאַזל, װאָס האָסטו זיך צוגעזעצט אויף אונדזער לעבן,
זעלדע: קלאַפּט אויף דעם גלעגער/

פעליע/טראָגט אַרײַן צאַלקען אויפן קאָרק און לײגט אים פאָרזיכטיק אַראָפּ אויפן בעט,
~~/דרי ערמען פאַרש ... גענאַנגענעס/ ... די ... צו זײַן~~
געהערט אַ מיטע, אַ מענטש זאָל זיך ניט קענען אמאָל אויפהענגען װי ... צו זײַן!

זעלדע: ער ציט דעם אָטעם?

מלכה: ער ציט גאָט זײַן דאַנקן

זעלדע: געקענט אַזוי אויסציען די נשמה!

פעלע: געהערט אַ מיטע, אַ מענטש זאָל זיך ניט קאָנען אמאָל אויפהענגען װי סבאַדאַרף
צו זײַן!

מלכה: אױ זעלדעניו, מען דאַרף אים עפּעס געבן זיך אָפּצוחיהנען,

זעלדע: אַ ביסעלע װאַרעניע האָסטו, ער איז דאָך אַ פאַרשמאַכטער געװאָך,

מלכה: פון ברענג איך /ברענגט אַ פאַרשטויבטן סלאָי, די װײַבער קאָרמענען צאַלקען מיט
װאַרעניע,/

- זיבעטע זײַט -

/די מאַנסלײַט שפּאַצירן אַרום איבערן חדר,, פֿעטער איטשע שטעלט פּלוצלונג אָפּ פֿעטער יודען/

איטשע: נו יודע, וואָס געוואַלדעוועסטו נישט אַצינד: איטשע באָקן... נו? און ווער איז ג געווען גערעכט?

יודע: גערעכט, שמערעכט, סי בײַ אים א גאַנצע הײַנגען זיך?

איטשע: אָבער, אז איך גיי צו דיר אַנוסטן אַרײַן מעשה מענטש און זאָג דיר: ברודערקע, מיר הויבט נישט אָן צו געפֿעלן דײַן צאַלקעס גײַנגעלעך; דאָס פּנים צעבושט, דאָס שניפּסל פֿאַרדרייט, ווי א לבנה־גייער, כאַפּסטו נאָך בוך אײַנער, צו מ י ר א שמעקן חלמאַי א י ך קריך נאָר אויסן טוּים?

יודע: /שטייט אויף און ~~אַלץ~~ וויל זיך אָפּדרייען /

איטשע: כראַקע ניט, נאָך אַזאַ ברוך הבא האָב א י ך געדאַרפֿט אויסשפּײַען אין ד י י ן זייט מײַן בעבעס דאַגה הײַנגט זיך און טרינקט זיך א ל ע ן און - מיר וועלן הײַנט ווידער געהאַט א למיה אין רעבזעס הויף.

זעלדע: א נס, טאַטע אין הימל, וואָס מען האָט דערזען די מעשה באַצײַטנס!

איטשע: וואָס הייסט מ ע האָט דערזען, ו ע ר האָט דערזען? איך האָב נאָכגעקוקט האָב איך געזען!

מלכה: וואָס אַשטײַגער טאַטע דאָס געזען אַזױנס?

איטשע: איך זיץ מיר אַזוי אין פֿענצטער און קוק ווי די קינדער גייען אַרויס אָפּגיסן אײַנדרויסן, ערשט איך דערזע מײַן וועלע לויפֿט אַרויס פֿון שטוב אָן א רעקל, כאַפּט דעם לייטערל בײַם שטאַל און עפֿנט באַרוים מיט זײַנע כוחות ניט ער אים א טראָג צו צום בוידעם. פֿרעגט זיך א פֿראַגע: דער פֿעטער איטשע האָט אים געדאַרפֿט נאָכגיין צי ניט?

אַלע: געדאַרפֿט!

זעלדע: אַוודאי געדאַרפֿט, וואָרען לאָזן דעם יונג אויף הפקר!

איטשע: נו, האָב איך אים טאַקע אונטערגעכאַפּט אין דער פּאַסע, ריכטיקער מינוט,

פֿעלע: פֿאַרוואָס־זשע האָט איר אים שוין פֿאַרײַנוועגנס ניט אַראָפּגענומען פֿון שטריקל?

איטשע: הערסט דאָך א מעשה, איך פּרוּוו אים אַראָפּנעמען פֿון שטריק, נעמט ער דער מאַנעבאַרע שלאָגן דעם פֿעטער מיט די פֿיס איבערן קאָפּ, וואָס זעט זשל איך שווײַגן, האָב איך געמאַכט א געוואַלד.

מלכה: געגאַנגען דאַכט זיך שוין אַלץ בשורה מיטן יונג, מיטאַמאָל נעמט ער און טוט אָפּ אַזאַ רציחה.

פֿעלע: איך: וועלט גלויז וועלן וויסן, וואָס ציט עס אים אַזוי צום שטריקל, האָט ער מורא דער שלימאַזל, אַז ערט פֿאַרזאַמען צו קומען אויף יענער וועלט?

זעלדע: שאַ, שאַ, ער שלאָפֿט דאַכט זיך...

איטשע: אויב ער שלאָפֿט ניט, זאָל טאַקע בײַ אים א בודק דורך די קעשענעס, אפֿשר האָט ער דאָרט טאַקע פֿאַרשטעקט/א סליאַד

מלכה: /נעמט לייכט אַרויס בײַ צאַלקען פֿון די קעשענעס און גיט איבער זעלדען, זעלדע פֿעלען און פֿעלע דעם פֿעטער איטשע/:

- אכטע זייט -

אימשע: /האלט עפעס א שוואַרצע זאַך מיט צוויי פינגער, דאָס האָט א פּנים פון א זאַך וואָס
איז אמאָל געווען א חדאה א נאָזטיכל.
צוויי הויזן קנעפּלעך...
א קאַראַנדאַש... / לייגט אוועק די זאַכן אויפן טיש/
פּאָלע/ באַטראַכט עס מיט א שמייכל/ א פיינער פאַרמעגן
אימשע: דאָס איז אַלץ און קיין פּיסמענע זאַכן האָט ער דאָרט גאָרניט?

מלכה: שאַט, סאיז דאָ עפּעס א צעטעלע, נאַט,

אימשע: לייען זיי מוחל דו מלכה, איך האָב נישט ביי זיך מיינע ספּאַקולן...

מלכה/לייענט, אלע אַרום איר/:
אומע "דער גרויסער לעבער /קצבים-לשון/
גודעגראַדע ?
סערבעלע, סערבען - שטינקען
פידלדעמאָנע - געלט /אין פאַרשיידענע זשאַרגאָנען/
ליב - האַלט, פאַראַן א ניואַנס
ווי איז בעסער צו זאָגן: איך האָב ליב טאָנקען, צי איך האָב האַלט טאָנקען?
ט אָ נ ק ע, ט אָ נ - ק ע ....

פויזע -

פּאָליע: /שפּייט אויס אין צאַלקעס זייט/ שמינטעליגענצלן / און גייט האַסטיק אַרויס/
מלכה / שאָקלט צו מיטן קאָפּ צווישן באַדויערן און הסכמה, דער עולם צעקריכט זיך
מורמלענדיק, זעלדע שושקעט עפּעס מלכהן אין אויער און ביידע רוקן זיך אַרויס
ספּאַרבלייבט בלויז פעטער יודע, וואָס גייט אַרום איבערן צימער און קוקט די באָרד
און צאַלקען/
- פויזעד /צאַלקע דרייט זיך איבער אויף דער אַנדער זייט /

יודע: צאַלעל, דו שלאָפסט ?

צאַלעל: /שוואַך/ ניין נאָך,

יודע, /הוסט אונטער/ הערסט מיך צאַלעל? /זעצט זיך צו אויפן בעט/:

צאַלעל: באָער...

יודע: איך טראַכט אַשטייגער, פאַרוואָס געמסטו זיך נישט אַראָפּ א מוסר פון זיי וואָס
זיצטו ראַק ביי דיינע ביכלעך?קענסט דען נישט ווערן א באָלשעוויק ווי זיי, נאַר
איינער?...געט, טו א טראַכט און ווער א באָלשעוויק...איכל דיר זאָגן דעם אמת
סי דאַך א רחמנות אויף א מאַמן אויכעט.אייביק לעבט מען נישט און סע ווילט זיך
האָבן א קדיש ווי אלע יידן..אַן עולה, וואָס?... כפאַרשטיי, מען נעמט זיך אמאָל
סלעבן, פאַרוואָס ניט?כפאַרשטיי איינמאָל, א צווייטן מאָל, ביי דיר איז דאַך עס עפּעס
אלע ווייל, ווייל פרעג איך דיר איז דער שיר? און זעסט דאַך, אז עס איז דיר
פּאַרט נישט באַשערט רחמנא ליצלן צו שטאַרבן.פרעג זיך דאַך טאַקע, צאַלעל: נאָכמאָל
זאָלסטו גיין אי קענען גאָט אי קענען לייטן?.. .הא, דו זאָגסט עפּעס?
צאַלעל, הם...
יודע:.און דו מיינסט, אז איך האַלט נישט פון זיי?איך זעסטו, האַלט דאָקא פון זיי...
וואָרום אַראָפּוואַרפן דעם קיסר האָט מען געדאַרפט ווי לעבן, געווען נעבאַך א גאָרנישט
שעבעגאָרנישט, נישט קיין קיסער... אָבער זעסטו, וואָס מע האָט זיך אָנגעזעצט אויף
דער שטיקל "דישקייט" - אָט דאָס איז שוין נישט רעכט, גאָרנישט רעכט...סי פּראַסט
ניט שיין אויך... א חתונה האָט פאָ מאָיעמו געדאַרפט זיין א חתונה, א ברית
האָט געדאַרפט זיין א ברית און סי רעכט אמאָל אָפּדאַווענען אויך, פאַרוואָס ניט?...

װאָרעם, װאָס איז שױן די המצאה, אַז מען דאַװנט ניט?... װעמען טוט מען דאָ אַרײַן
הערסט צאַלעלע?... װען מען לאָזט מיר צו צו זײַערע קעפּ דורכטערענען זיך, װאָלט
אַנדערש געװאָרן... טאַקע הײַנט־װעלטלעכע מענטשן, קענען לשונות, אָבער מען דאַרף
האָבן אָט עפּעס אויך, װאָס ניט?... און אָט דאָס, װאָס זײ טשעפּען זיך צו די גבי
רים, איז טאַקע אונדז רײַדנדיק, אויך אַ נאַרישקײט...די גבירים האָבן סוף כל
סוף געגעבן די פּאַרדינען אַרױבל... פֿון דעם קופּער און דעם שנײַדער, האָט מען
קײַנמאָל געהאַט...יעטצט, װען מען פֿאַרמאָגט אַ ביסל שכל, האָט מען אַדרבא געדאַרפֿט
שלום מאַכן מיט די באַלעבאַטים - פֿאַרט אײדעלע מענטשן, אַמאָל אַן עצה, אַמאָל מתן אַ
גוט װאָרט...װאָס, ניטאָ צאַלעל דו שלאָפֿסט?

צאַלעל: נײַן נאָך,

יודע: נו זעסטו, אַ יונגערמאַן דאַרף זיך אָבער ניט אָפּשײדן פֿון כלל..אל תפרוש מן
הצבור... װערסט אַ באַלעבאָטיק, גײסט מיט דער פֿאָנע, זאָגסט דאַרשן אָפּ װאָס מען דאַרף
און אַמאָל מאַכט זיך, טוט מען אויך אַ ייִדן אַ טובה, איז דאָך שױן דערמאָלט גאָר אָנ־
געלײגט, װאָלט מען שױן פֿון דיר צװישן אונדזערע מענטשן אויך, ניטאָ אַזױ?...
ביסט אַ מענטש ברוך השם, מיט אָפּען אין דער האַנט שרײַבסט, ניטאָ צו פֿאַרשטײן, נו
איז װאָלמאי זײ מאַכע ניט אױפֿאַרײן, אַז זײ האָבן אַ טעות...האָ צאַלעל -

צאַלעל: המ..

יודע: הערסט דאָך, איך קוק אַמאָל אויף דער עלעקטרע, װי סע ברענט און איך טראַכט:
סי גיט קײן גאָט אויף דער װעלט סדר עלעקטרע. נו, איז װי לײגט זיך דיר עס
אויפֿן שכל, אָט דער לעמפּל איז גאָט?... אָט דער לעמפּל שטראָפֿט דאָס די רשעים און
באַלױנט די צדיקים? ער װאָס האָט געגעבן די תורה אויפֿן באַרג סיני, אָט דער
לעמפּל? און מיר זאָלן רעדן צום לאָמפּ? ...פֿרעג איך, װי גענײגט זיך בײַ אָט די
מענטשן דער קאָפּ?... און װאָס װעט זײַן אַ שטײגער, אַז איך צעבריק גאָר דעם לעמפּל
איז שױן אױס מיט ױעם באַלעבאָטישקן גאָט אויף דער װעלט?... הפקר פּעטרישקע?
צאַלעל דו שלאָפֿסט?

צאַלעל: נײַן נאָך,

יודע: אָט זײ מוחל, הער ביסט דאָך יאָ אַ מענטש אַ בן תורה, אָט גיב מיר אויף טשיקאַװע
צו פֿאַרשטײן, װאָס שטעקט דאָרצי דען זעען זײ ניט, צי הערן זײ ניט?...דו גיב אָ
צו פֿאַרשטײן, װי אַזױ גנבען עס ייִדן, באַװאָרפֿע ייִדן מיט בערד און מען איז מחלל
שבת בפרהסיא?...װאָס שטעקט דאָ די חכמה?...װאָס טראַכטן זײ זיך, לאָמיר װיסן...
הבר לעגען זאָגנכן איז אַ גרױסער מענטש נו לאָמיר אָננעמען, אַז ער איז, אָבער װי
קומט דער ערל צו אמונה זאכן?...און לאָמיר שױן אפֿילו אָננעמען, אַז ער איז
מחסידי אומות העולם, איז װאָס?...און משה רבנו איז שױן געװען? און דוד
המלך איז געװען?...האַ צאַלקע, איך פֿרעג דאָך דיר?

צאַלעל: המ...

יודע: דו הײסט צאַלעל, אַמאָל טוט מיר מאַכע אַ פֿרעג אין קאָפּ, אַז סע װילט זיך אַנטלויפֿן
אין בית המדרש הינטערן אױװן און געפֿינען אַן עסק, צאַלעל, דו שלאָפֿסט, צאַלעלע?..
/קומט זיך אײַן אױפֿן שלאָפֿנדיקן צאַלעל/ כמע, שלאָף, אפֿשר איז אַזױ בעסער...
כװאָלט גאָר געװאָלט װיסן, צי די װעלט שלאָפֿט אויך אַזױ, צי ניט, האַ?...

פ אָ ר ה א נ ג